# תורת אביגדור

באידיש

# הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

# מאכט נאך השי"ת

## פרשת קדושים

## חלק א': א רצון נאכצומאכן

### די מצוה פון קדושים תהיו

איינס פון די וויכטיגסטע מצוות וואס השי"ת האט אונז באפוילן אין די הייליגע תורה, טרעפט מען אין די פרשה פון די וואך. ס'איז אבער גלייך ביים אנהייב פון די סדרא, וואס ווען מ'טרעפט שוין דאס פלאץ, האלט שוין דער בעל קורא אסאך ווייטער, און מ'האט פארפעלט די גאנצע זאך. מ'הערט נאר די ווערטער שנעלערהייט, און מ'האט אפילו נישט קיין צייט אריינצוטראכטן איבער וואס מ'האט יעצט געהערט.

וואס איז די גרויסע מצוה פון וואס מיר רעדן דא יעצט? **קדושים תהיו! איר זאלט אייך מאכן הייליג!** אזוי הייבט זיך אן די פרשה. דער באשעפער פארלאנגט פון כלל ישראל: איך וויל אז איר זאלט אלע זיין פארנומען צו ווערן קדושים.

צום ערשט דארף מען אבער וויסן, וואס איז די הייליגקייט וואס השי"ת וויל פון אונז האבן? איר קענט אפשר האבן אייער אייגענע מיינונגען - איר קענט מיינען אז איר זאלט זיך קויפן א מער טייערע שטריימל, אדער א טייערערע קאפאטע. נו, שוין, איך וועל נישט זאגן אז עפעס טויג נישט מיט אזא געדאנק. כבוד שבת איז א געוואלדיגע זאך, ס'איז נישט קיין שום פראגע. דאס איז אבער נישט קדושה! הקב"ה וויל עפעס מער ווי דעם.

קדושים תהיו מיינט, "איר זאלט אייך מאכן צוקומען צו שלימות!" אזוי ערקלערט דער **ספורנו** אונזער פסוק, "שְׁלֵמִים תהיו!" איר זאלט זיין פערפעקטע מענטשן. מיט איין ווארט, דאס מיינט מען קדושה; מ'ארבעט זיך אויס די מדות, דאס אויפפירן, דעם מח. דאס וויל דער אויבערשטער פון אונז. דאס איז אונזער ציל אין לעבן.

### די סיבה

און פארוואס זאלן מיר זיין קדושים? געבט אונז הקדוש ברוך הוא דעם טעם אויפ'ן פלאץ. **קדושים תהיו כי קדוש אני ה'** - "איר זאלט אייך מאכן הייליג וויבאלד איך בין הייליג!" דאס איז דער טעם פאר די מצוה. "איך בין הייליג" - זאגט השי"ת - "וואס דעריבער פארלאנג איך אז איר זאלט אויך זיין הייליג".

אבער אצינד דארפן מיר שוין האבן א פירוש אויף דעם טעם. נאר צוליב דעם וואס הקב"ה איז **קדוש**? ווי אזוי איז דאס א הסבר אויף דעם וואס מיר דארפן זיין הייליג? דו ביסט דאך דער הייליגער באשעפער! אודאי ביסטו **קדוש**! אודאי ביסטו בשלימות! וואס האט דאס מיט אונז צוטוען?!

אבער פאר די קדמונים וואס האבן געלערנט די ווערטער, איז דאס געווען גאר פארשטענדליך. וויבאלד אויב דער באשעפער איז קדוש, דעמאלט נאטורליך האט דער מענטש א שאיפה אזוי צו זיין. ס'איז אויטאמאטיש. אויב הקדוש ברוך הוא האט א געוויסע מדה, דאן זוכט יעדער איינער יענע מדה. און אויב דער אויבערשטער כביכול האט א גאנצע גרופע פון מדות, דעמאלט וויל מען דאס אויך.

### נאכמאכן דעם קעניג

איך וועל אייך געבן א משל. כאטאש ס'איז גאר א שוואכער משל. ווען איינער אין ענגלאנד האט געוואלט פארקויפן א שניפסל (נעקטיי) אין מארק, וואס האט ער געטוען? האט ער געזוכט אנצוקומען וואס נענטער צום קעניגליכן באדינער וואס געבט זיך אפ מיט די קעניגליכע קליידער, און האט געזוכט יעדע מעגליכקייט אים צו באאיינפלוסן אז דער קעניג זאל אנטוען יענער סארט שניפסל. דער קעניג זאל ארויסגיין צווישן מענטשן בשעת'ן גיין אנגעטוען מיט דעם שניפסל. די מינוט דאס איז אים געלונגען, איז שוין דער געשעפטסמאן געווען אן איש מוצלח. פארוואס? ווייל ווען דער קעניג ערשיינט מיט דעם שניפסל צווישן די מאסן, האבן די אלע וויכטיגע מענטשן אנגעהויבנגע טראגן אזא שניפסל. אויב דער קעניג טראגט אזא שניפסל, איז כמעט ווי אויטאמאטיש אז דאס וועט יעדער זוכן צו קויפן.

צוליב דעם זעט מען, אז אפילו היינט אין ענגלאנד וועט איר טרעפן קעניגליכע הוטן מאכערס, וואס פארקויפן הוטן פאר'ן קעניגרייך. ס'איז גאר אן ענגע קרייז פון מענטשן וואס קענען זיך אזוי אינדעטיפיצירן, און דאס איז גאר שטארק ווערדפול. וויבאלד אויב דער קעניג טראגט דיינ'ס א פראדוקט, וועלן אלע מענער אין ענגלאנד וועלן טראגן דעם זעלבן הוט. אדער אויב קענט איר איבערצייגן די הוט פארקויפער פאר די קעניגין צו נוצן אייער הוט פאר די קעניגליכע סוויטע, זענט איר שוין מסודר. וויבאלד דאס וועט יעצט ווערן דער פאפולערסטער הוט פאר די קומענדיגע עטליכע יאר. דאס איז נאטורליך אזוי, וויבאלד יעדער וויל זיך אינדענטיפיצירן מיט קעניגליכע זאכן, מיט גרויסקייט. ס'איז שוין יעצט א גרויסער כבוד צו טראגן דעם שניפסל, אדער דעם הוט, וויבאלד איר אידענטיפיצירט זיך מיט'ן קעניג ווען איר טוט עס אן.

אצינד קומען מיר צוריק צו אונזער פסוק. "פארוואס זאלט איר פארברענגען אייערע טעג זיך צו מאכן פערפעקט? וויבאלד איך בין פערפעקט!" דאס איז דער גאנצער טעם פון די מצוה. מ'דארף נישט קיין איבעריגע הסברים. כי קדוש אני ה' - "זייט אזוי ווי איך!" - זאגט השי"ת.

נו, דאס איז שוין עפעס צו וואס מ'דארף האבן א שאיפה! נאכצומאכן דעם קעניג פון ענגלאנד, איז טאקע עפעס. ס'איז בעצם נישט קיין סאך... ס'איז אבער כאטש עפעס מער ווי נאכמאכן א לידיגייער אויף די גאסן פון לאנדאן! אבער צו ווערן בשלימות אזוי ווי הקב"ה?! אה! דאס איז שוין עפעס וואס איז ווערד צו לעבן דערפאר.

### דער גרויסער נסיון

צוליב דעם, ווען אדם און חוה זענען געווען אין גן עדן, און דער נחש האט זיי צוגערעדט מיט א געוואלדיגער רייץ, איז עס נישט געווען די הערליכע פרוכט וואס האט זיי אזוי געצויגן; ס'איז אפילו נישט געווען דער ווילן צו באקומען די געוואלדיגע **דעת** פון דעם עץ הדעת וואס האט זיי אזוי אנגעצייגט. אודאי, ס'איז נישט קיין פראגע אז יעדער פרט האט דא געשפילט א ראלע. א שענערע פרוכט איז זיכער שווערער אפצוזאגן. און ווען יענע פרוכט דארף נאך ברענגען א ספעציעלע דעת, האט דאס זיכער צוגעגעבן צום גרויסן נסיון וואס די גרויסע מענטשן זענען אדורכגעגאנגען.

דאס איז אבער נאר געווען א קליינער טייל פונעם נסיון. דער שפיץ פון דעם נסיון איז געווען, ווען דער נחש האט געזאגט, **והייתם כאלקים** - איר וועט זיין ווי דער אויבערשטער! אה! צו זיין ווי דער באשעפער! דאס איז

געוועןדער גרעסטער נסיון פאר די הייליגסטע מענטשן.

יעצט, ס'איז טאקע מעגליך אז מיר ווערן נישט אזוי איבערגענומען היינט צוטאג פון אזא רייץ צו זיין ווי אלקים, מיר האבן אפילו נישט אזא שטארקע אמונה אין אלקים בכלל. מיר היטן טאקע די תורה, מיר טוען די מצוות, אבער א פאקטישער מושג אין אלקים, איז גאר ווייט פון אונזערע השגות. ווידער, אדם הראשון און חוה, האבן פארשטאנען וואס מיינט אלקים - גארנישט איז געווען פאר זיי מער אמת'דיג ווי דאס - און ווען חוה איז געווארן אנגערייצט דורך דער נחש, מיט'ן פארשלאג אז "איר וועט זיין אזוי ווי אלקים", איז דאס געווען זייער גרעסטע שאיפה וואס איז נאר מעגליך.

## אייער געוואלדיגע נשמה

אודאי מיינט מען נישט אז איר וועט זיין אלקים. ניין! קיינער קען נישט זיין פונקט אזוי ווי אלקים. איר וועט אבער זיין עפעס ענליך צו אלקים. און דעריבער איז דאס געווען דער גרעסטער נסיון, דער גרעסטער רייץ. זיי האבן בכלל נישט געהאט קיין שום תאוה צו עפעס מער פון דעם. וויבאלד ווען איר ווייסט פון עפעס אזוי גרויס און אזוי אן קיין סוף און בשלימות, ווילט איר אויך זיין אזוי. פאר די געהויבנסטע נשמות, איז דאס זייער גרעסטע תאוה, צו ווערן בשלימות.

דעריבער, ווען מיר קוקן אביסל אריין אין ספרי קבלה, זעען מיר, אז די אידישע נשמה - איך רעד דא פון די נשמה קדושה וואס לעבט לויט ווי השי"ת הייסט - איז גאר געוואלדיג גרויס. אויב וואלט מיר געקענט אריינקוקן אין די אידישע נשמה, און זען צו וואספארא מדריגות עס קען דערגרייכן, וואלט מיר גלייך פארשטאנען, פארוואס איינס פון די וויכטיגסטע מצוות אין די תורה, פארוואס די תורה רעכנט פאר א הצלחה די געוואלדיגע זאך פון, קדושים תהיו - כי קדוש אני ה' - איר זאלט זיין בשלימות, וויבאלד איך, השי"ת אייער ג-ט, איז בשלימות!

## עס מאכן אמת'דיג

ווי איך האב פריער געזאגט, היינט צוטאג איז אזא געדאנק גאר גאר ווייט פון אונזער פארשטאנד. צו זיין ענליך צום באשעפער?! אפילו אויב מיר ווען זיך שוין געבן דעם טיטל מאמינים - אז מיר גלייבן אין השי"ת אן קיין פראגעס - אבער דער מושג פון נאכמאכן דעם אויבערשטן, זעט עפעס אויס אזוי נישט פראקטיש. אזוי נישט ווירקליך צו אונזערע ברוקלינער מוחות אדער צו אונזערע לאס אנדזשעלעס מוחות. דאס איז וויבאלד מיר האבן בכלל נישט קיין השגה וואס דער באשעפער איז. ס'איז עפעס א געדאנק - אויפ'ן בעסטן פאל איז עס א ווארט אין סידור.

ווי דער נביא ירמי' זאגט (ירמי' יב, ב), **קָרוֹב אַתָּה בְּפִיהֶם** - דו ביסט נאנט צו זיי אין זייער מויל, **וְרָחוֹק מִכִּלְיוֹתֵיהֶם** - אבער ווייט אוועק פון אין זיי. דאס מיינט אז איר רעדט טאקע וועגן אים, אבער איר טראכט נישט פון אים צופיל. דאס איז דער אמת; צו טראכטן פון הקדוש ברוך הוא איז א חידוש פאר רוב מענטשן. זאגט מיר דעם אמת, במשך דעם טאג, וויפיל מאל האט איר זיך אפגעשטעלט צו טראכטן פון אויבערשטן? ליידער, דארפן מיר מודה זיין. אז מיר, די פרומע, זענען היפש נאכלעסיג אין טראכטן פון הקדוש ברוך הוא.

אבער יעצט לערנען מיר, אז נישט נאר דארפן מיר דאס טוען, נאר מיר דארפן גאר האבן א בילד פון השי"ת אין אונזער מח; און טאקע א ריכטיג בילד, אז מיר זאלן האבן וואס נאכצומאכן.

## די המחשה פראבלעם

מיט דעם איז דער **רמב"ם** מסביר א גרויסע שוועריקייט איבעראל אין די תורה. דער רמב"ם אין ספר מורה נבוכים פרובירט גאר שטארק צו ערקלערן סיי וועלכע אויסדרוקן פון גשמיות אויפ'ן אויבערשטן. וויבאלד די תורה איז פול מיט אזעלכע סארטן אויסדרוקן אויפ'ן אויבערשטן. השי"ת האט א יד חזקה - א שטארקע האנט, אן עין רואה - אויגן וואס זעען אלעס. אזוי ווערט השי"ת אראפגעמאלן אין די תורה. השי"ת ווערט אראפגעמאלן אין די תורה מיט מענטשליכע אייגנשאפטן.

דער רמב"ם שרייט אבער אז דאס איז מינות, אזוי צו זאגן. ווי אזוי קען מען זאגן אויף השי"ת אז ער האט כביכול הענט און אויגן? מ'נעמט הקדוש ברוך הוא, וועלכער איז העכער פון יעדן פיזישן באגריף, און מ'מאכט פון אים א גשמיות'דיגער געדאנק, פון עפעס וואס קען צעגיין און ווערן א שטיק שטויב?!

און אפילו אזעלכע אויסדרוקן, ווי **ישמח בה' במעשיו**, דער אויבערשטער פרייט זיך, איז שווער צו פארשטיין. זיך פרייען איז עפעס וואס האט צוטוען מיט א מענטשליכער סיסטעם פון נערוון, און געוויסע גייסטישע און פסיכאלאגישע באגריפן. ביי הקדוש ברוך הוא טוישט זיך קיינמאל גארנישט. דער באשעפער איז אלעמאל פערפעקט. דאס מערסטע וואס מ'קען זאגן וועגן דעם באשעפער איז, אז ער איז כולו חכמה; פערפעקטע קלוגשאפט כביכול.

דעריבער איז שווער א מורא'דיגע קשיא. פארוואס פעלט דאס אלעס אויס? פארוואס האט נישט דער באשעפער גענוצט העכערע אויסדרוקן, אנשטאט אונז צו זאגן וועגן דעם באשעפער'ס הענט און אויגן, איבער זיין זיך פרייען און איבער זיין כעס.

## עס מאכן אמת'דיג

ענטפערט דער רמב"ם, אז די תורה רעדט אזוי וועגן דעם אויבערשטן **כדי לשַׂבר את האוזן** - אז דאס אויער זאל פארשטיין. **לשַׂבר** איז פון דאס ווארט סברא; דאס מיינט, צו געבן א סברא וואס דאס אויער זאל קענען הערן. דאס מיינט אזוי: מיר זענען בלויז בשר ודם, און ס'איז שווער פאר אונז צו פארשטיין עפעס וואס מ'קען נישט ממחיש זיין.

לאמיר זאגן אז איר ווילט זיין א רעדנער. איינער פון די גרויסע לערערס איבער רעדן פאר א רבים האט אמאל געשריבן, אז אויב ווילט איר אז דער ציבור זאל איינשלאפן בשעת די דרשה, זאלט איר רעדן אָן המחשה. אויב איז מען נישט ממחיש אן ענין בשעת'ן רעדן, איז גאר שווער מיטצוהאלטן, און נאך א קורצע צייט פארקריכט דער מח און מ'שלאפט איין. אז מ'רעדט אזעלכע ענינים וואס מ'קען נישט ממחיש זיין, וועט מען גאנץ שנעל איינשלאפן.

איר ווילט אז מענטשן זאלן אייך אויסהערן? רעדט וועגן פאקטישע זאכן. רעדט וועגן מענטשן. אויב וועט איר דאס טוען וועט אייך יעדער אויסהערן, וויבאלד מענטשן זענען אינטערעסירט צו הערן פון אנדערע מענטשן. זיי קענען ממחיש זיין מענטשן, וויבאלד זיי זענען אזוי ווי זיי אליין.

דאס, זאגט דער רמב"ם, איז איינס פון די סיבות פארוואס הקב"ה ווערט אראפגעגעבן אין די תורה מיט אזעלכע דעטאלן, און מיט אנדערע סארטן באגריפן. וויבאלד מיר דארפן האבן א בילד פון השי"ת אויב ווילן מיר אים קענען נאכמאכן כביכול. אויב איז נישטא קיין שום המחשה, ווי אזוי דארפן מיר קענען עפעס נאכמאכן? קיינער קען נישט נאכמאכן א וואלקן פון לעכטיגקייט! נאר ווען מיר רעדן פונעם באשעפער מיט מער באגריפן פון המחשה, אלס עמיצער וואס איז פערפעקט אין יעדן הינזיכט, וואס דאס איז עפעס וואס אונזערע באגרעניצטע מוחות קענען גרינגער באגרייפן, דעמאלט קען דער באשעפער זיין פאר אונז עפעס וואס מיר

דארפן נאכמאכן. וואס מער מיר האבן א בילד פון הקדוש ברוך הוא אלס שלימות, אלץ מער קענען מיר נאכמאכן זיינע וועגן און ערפילן די מצוה פון קדושים תהיו.

# חלק ב': די וועגן נאכצומאכן

## די וועגן פון אויבערשטן

מיר לערנען יעצט, אז איינס פון די גרויסע זאכן אין אונזער לעבן, איז כסדר צו קוקן אויף הקדוש ברוך הוא מיט'ן ציל נאכצומאכן זיינע וועגן. ווען איר קוקט אריין אין תנ"ך, אדער אין די ווערטער פון חז"ל, דארפט איר קוקן מיט א ציל, מיט א געוויסע כוונה - "איך וויל מיך אפלערנען די וועגן פון השי"ת כדי עס צו קענען נאכמאכן". און אויב איר וועט קוקן וועט איר טרעפן. די תורה איז פול מיט די שלימות'דיגע וועגן פון השי"ת, די פונקטליכע אייגנשאפטן, און ווען איר וועט צולייגן קאפ דערצו, וועט איר טרעפן גאר אסאך געלעגנהייטן נאכצומאכן השי"ת.

איך וועל אייך געבן א משל, סתם א קליינער ביישפיל פון מיין קליינער קאפ. יעדער ווייסט אז דער אויבערשטער איז אן **אוהב עמו ישראל**. איר דארפט נישט זיין קיין גרויסער למדן צו וויסן, אז דער אויבערשטער האט ליב יעדן פרומען איד מיט א געוואלדיגע ליבשאפט; דאס איז איינס פון די זאכן וואס ווערן איבערגע'חזר'ט אין די תורה איין מאל און נאכאמאל. דער איד וואס זיצט נעבן אייך אין שול, אייער שכן, וואס קריכט אמאל אויף אייערע נערוון... אים האט השי"ת ליב נאכמער ווי עלטערן האבן ליב זייער'ס א קינד. יא זיין מאמע האט אים טאקע אויך ליב, אבער קיינער האט אים נישט אזוי ליב, אזוי ווי השי"ת האט אים ליב. ס'איז בכלל נישט קיין פארגלייך! דאס איז עפעס וואס מיר ווייסן פון די פסוקים.

## אהבת ישראל

אבער לויט ווי מיר לערנען יעצט, איז דאס נישט סתם אינפארמאציע צו וויסן. ס'איז א מדה פון השי"ת, ס'איז איינס פון די פילע שלימות'דיגע זאכן פון הקב"ה וואס מיר דארפן זוכן נאכצומאכן. פארדעם איז א גוטע עצה, יעדע שטיק צייט, צו נעמען עטליכע מינוט אריינצוטראכטן איבער די שטארקע פייערדיגע ליבשאפט, **רְשָׁפֶיהָ רִשְׁפֵּי אֵשׁ** (שה"ש ח, ו) - ווי קוילן פון פייער, וואס הקב"ה האט פאר יעדן איינציגסטן פרומען איד. אויב איז דער באשעפער אן אוהב ישראל - און ער איז טאקע דער פערפעקטער אוהב ישראל - דאן וויל איך אויך דאס זיין".

ס'איז גראדע נישט קיין שווערע זאך ליב צו האבן אידן; וואספארא הערליכע מענטשן זענען די פרומע אידן - ס'איז נישטא נאך אזוינס ווי די פרומע אידן! ווער קומט צום לערנען? ווער שטיצט אזוי פיל תורה ארגאניזאציעס. ווער נאך זעט זייערע קינדער גייען בדרך הישר ווי די פרומע אידן? וויפיל געלט געבן זיי אויס אויף שכר לימוד? און זייערע הייזער זענען א בית המקדש. כשר, פארווע, מילכיג, פליישיג! ס'איז א געוואלדיגע גרויסע עבודה צו האלטן כשר! און עס קאסט אסאך געלט אויך! כשרות קאסט געלט. א גאנצן שבת טוט קיינער גארנישט, אלעס רוהט. א הייליג פאלק! אן עם קדוש!

איר דארפט זיך לערנען זיי ליב צו האבן פאר דעם! עס נעמט טאקע ארבעט, ס'איז אבער אלעס ווערד, וויבאלד וואס מער איר טוט דאס, אלץ מער זענט איר ווי השי"ת. און אפילו אויב איר מאכט אים נאך נאר א קליין ביסל, און איר האט ליב א צווייטן איד נאר אביסל, נאר עטוואס אביסל ריכטיגע ווארעמקייט, זענט איר שוין א מוצלח - איר זענט שוין א קדוש. און וואס מער איר טוט עס, אלץ מער בשלימות וועט איר זיין.

## הערט אויף דאס גערעדעכץ

נאך א ביישפיל: רעדט נישט אזוי פיל! איר ווייסט דאך אז השי"ת רעדט קיינמאל נישט סתם אזוי. השי"ת רעדט נישט איין איבריגע אות. יעדעס אות אין די תורה איז געמאסטן גענוי און פערפעקט. דעריבער מיינט **קדושים תהיו**, אז איר זאלט נישט רעדן אזוי פיל. האט איר אמאל ארייגעטראכט אין דעם? אפשר רעדט איר צופיל! נו, פארוואס טאקע זאלט איר זיך נישט נעמען נאכמאכן השי"ת און אכטונג געבן אויף אייערע ווערטער? אה! דאס איז וויכטיג! ס'איז א קדושה פון אייער כאראקטער, נישט צו רעדן צו פיל.

נו, לאמיר זאגן, אז איר זענט א פרוי אויפ'ן טעלעפאן און איר רעדט שוין פאר א לאנגע צייט, נו, פארוואס זאלט איר זיך נישט זאגן, "אפשר דארף איך נישט רעדן אזוי פיל אויפ'ן טעלעפאן? איך דארף מקיים זיין די מצוה פון קדושים תהיו יעצט, און אויפהערנגען די טעלעפאן". אודאי זאלט איר דאס נישט זאגן צו אייער פריינט אויפ'ן טעלעפאן... זאגט איר אז איר האט געלאזט עסן אויפ'ן פייער, אדער סיי וועלכער אנדערער תירוץ, אבער אין קאפ זאלט איר טראכטן פון נאכמאכן דעם אויבערשטן.

אדער אפשר זיצט איר ביי די שבת'דיגע סעודה, און יעדער רעדט, יעדער האט עפעס צו זאגן, און איר ווילט עפעס צולייגן. זאלט איר זיך דערמאנענען: **קדושים תהיו**! השי"ת האט נישט גערעדט קיין ווארט, נאר אויב מ'האט עפעס געדארפט זאגן, וועל איך אויך זיין אזוי!" אפשר נישט פאר די גאנצע סעודה, אבער פארוואס נישט כאטש פאר 5 מינוט?! נישט נאר איז עס א מצוה דאורייתא, ס'איז א קדושה; ס'איז א שלימות פאר'ן מענטש.

## רעדן ריכטיג

יעצט, וואס וועט זיין אויב איר ווילט עפענען אייער מויל; ס'איז נישט גרינג צו האלטן דאס מויל פארמאכט פאר אזוי לאנג, ווען איר ווילט עפעס זאגן. נו, קענט איר נאכמאכן השי"ת ווען איר טוט אזוי.

איר געדענקט וואס איז געשען ביי מעשה בראשית? **וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד** - השי"ת האט געזען אלעס וואס ער האט באשאפן, און ער האט געזאגט אז דאס איז טוב מאוד! וואס רעדט מען דארט וועגן? עולם הבא? ניין! דער פסוק רעדט פון וואס שטייט פריער אין חומש, **תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ, וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ** - פלאנצונגען, בעלי חיים, פיש, פייגל. די זון, די לבנה, די שטערן, די וואלקנס, און די לופט. ס'איז אלעס טוב מאוד.

יעצט פארוואס האט השי"ת דאס געמוזט זאגן? צי מיינט איר אז השי"ת האט צום ערשט געדארפט געבן א בליק, צו מאכן זיכער אז ער איז טאקע צופרידן פון וואס ער האט באשאפן? אודאי נישט. אויב האט דער באשעפער עס געמאכט, אודאי איז עס גוט! אצינד קומען מיר צוריק צו די ווערטער פונעם רמב"ם וואס מיר האבן פריער געברענגט. הקב"ה האט געזאגט די ווערטער וויבאלד ער וויל אז מיר זאלן אויך זאגן די ווערטער! מיר זאלן אים נאכמאכן און זאגן טוב מאוד אויף די וועלט.

## די גוטע וועלט

ס'איז הייס? געוואלדיג! דורכדעם ווערן די עפל רויט אויף דיביימער. די בארן ווערן זיס אויף די ביימער! אויב עס וואלט נישט געווען הייס, וואלט עס נישט געווארן זיס. און אויב עס איז קאלט, איז אויך געוואלדיג. קעלט צווינגט די ערד אויפצוהערן צו פראדוצירן. די ערד רוהט זיך יעצט אפ פון פראדוצירן, און בשעת עס רוהט זיך אפ, נעמט עס אריין פון פריש אלע מינעראלן, אלעס וואס עס האט פארלוירן במשך די זומער טעג. אן א

ווינטער קען נישט זיין א זומער. אויב וואלט געווען זומער א גאנץ יאר, און די ערד וואלט געהאלטן אין איין פראדוצירן, וואלט עס געווארן שוואכער און שוואכער, ביז עס וואלט מער נישט געקענט ארויסגעבן קיין פירות. פארדעם נעמט די ערד א וואקאציע אין די ווינטער טעג. דעריבער ווען עס ווערט קאלט, זאלט איר זיין אזוי ווי השי"ת און זאגן, "אה! געוואלדיג! קעלט איז מורא'דיג גוט!"

רעגן איז וואונדערליך. אָן רעגן זענען מיר גארנישט. איר ווייסט אז מיר זענען 80 פראצענט רעגן?! דאס מיינט אז ווען עס רעגנט, קומען מיר אראפ פון הימל. דעריבער, ווען עס רעגנט, קומען אראפ אלע יונגלעך פון די ישיבות. ווי אויך זייערע צוקונפטיגע כלות, די כלות פון בית יעקב, קומען אויך אראפ. אלע קומען צוזאמען אראפ פון הימל. מיר זענען אלע אראפגעקומען אינ'ם רעגן אמאל. און מענטשן רעדן זיך אפ און פארפירן וועגן דעם רעגן. דא זענען מיר אראפגעקומען מיט די וואלקנס, און זיי פארפירן וועגן אונז! דאס איז אונזער געלעגנהייט אראפצוקומען אויף די וועלט! ממילא איז רעגן אויך טוב מאוד! פארגעסט דאס נישט צו זאגן דאס נעקסטע מאל עס רעגנט.

יעצט קענען מיר שוין אביסל פארשטיין, אז איין אייגנשאפט פון קדושים תהיו איז, אז מיר זאלן אריינבאקן אין זיך אז דאס איז א גוטע וועלט. דער אויבערשטער זאגט, אז די וועלט איז טוב מאוד, און דאס מיינט אז ער וויל אז מיר זאלן דאס האלטן אין איין זאגן אלעמאל. דאס איז א טייל פון נאכמאכן די שלימות'דיגע מדות פון אויבערשטן, זיך אומצוקוקן איבער די וועלט, און זאגן אז עס איז טוב מאוד! במשך אונזער גאנץ לעבן, דארפן מיר זאגן, "רבונו של עולם, מיר גראטולירן דיך! דו האסט געמאכט א פערפעקטע ארבעט! טוב מאוד".

## ספר תומר דבורה

עס איז דא א בארימטער ספר, געשריבן מיט בערך פיר הונדערט יאר צוריק, דורך דער גרויסער בארימטער מקובל, רבי משה קורדבירו, מיט'ן נאמען **תומר דבורה**. אינ'ם ספר שרייבט ער, אז יעדער איינער איז מחוייב צו לערנען איבער די וועגן פון השי"ת, און פרובירן זיי נאכצומאכן. דאס וואס ער שרייבט דארט, דאס רעדן מיר דא יעצט. **קדושים תהיו** - איר זאלט נאכמאכן דעם אויבערשטן.

דער תומר דבורה ברענגט א פסוק אין מיכה, וואס באשרייבט אביסל די מדות פון אויבערשטן. ס'איז ווערד זיך צו מאכן צייט צו לערנען תומר דבורה, אפילו אויב עס איז בלויז צו כאפן א בליק אויף דאס גרויסקייט וואס איז ערווארטעט פון די אידן. די ווערטער פונעם קליינעם ספר, זענען שוין אריין אינ'ם סיסטעם פון די אידן - איר ווייסט אפשר נישט דערפון, אבער די מדות, אינ'ם וועג ווי אזוי זיי ווערן ערקלערט אינ'ם תומר דבורה, זענען געווארן דער נאציאנאלער ציל אויף וועלכער מיר ארבעטן.

מיר וועלן נישט האבן קיין צייט דא אדורכצוגיין אלע ביישפילן וואס ער ברענגט; דאס וואלט פארנומען אסאך שיעורים. מיר וועלן אבער כאטש פרובירן צו רעדן פון איין מדה, ווי ערקלערט אין תומר דבורה, די ערשטע אין פסוק.

## געוואלדיגע סבלנות

מיכה הנביא'ס ערשטע מדה וואס ער ערקלערט אויפ'ן אויבערשטן איז (מיכה ז, יח), **מִי קֵל כָּמוֹךָ** - ווער איז דען א קל אזוי ווי דו? דאס ווארט א-ל מיינט, אז דער באשעפער איז דער מקור החיים, דער מקור פאר די גאנצע חיות אויף די וועלט. **א-ל** מיינט, אז השי"ת איז דער וואס האט באפוילן אז אלעס אין די וועלט זאל עקזיסטירן, אויב זאגט השי"ת אז עס גייט נישט ווייטער, וואלט אלעס צעפאלן, און נישט אפילו געווארן שטויב, נאר עס וואלט ממש נישט געבליבן קיין זכר פון גארנישט.

דאס מיינט, אז דער אויבערשטער גיבט כסדר חיות פאר אלעס אין די וועלט, און ער קען דאס צוריקציען יעדע רגע. אויב איינער הייבט אויף א האנט צו זינדיגן קעגן באשעפער, קען ער מאכן אז דער זינדיגער זאל שטארבן אויפ'ן ארט. און אזוי דארף צו זיין! אויב ווידערשפעניגסטו אין דעם וואס גיבט דיר דיין גאנצע חיות צום לעבן, האסטו פארלוירן דיין רעכט צו לעבן. אדער אמווייניגסטנס זאל זיין האנט פארפאלן ווערן. איר געדענקט די מעשה מיט ירבעם, ווען ער האט געוואלט אויפהייבן א האנט צו דער וואס האט אים געזאגט מוסר? דערציילט אונז דער פסוק אין נ"ך, אז ירבעמ'ס האנט איז פארטריקנט געווארן אויפ'ן ארט, און ער האט עס נישט געקענט רירן. השי"ת האט געמאכט אז זיין האנט זאל פארפאלן ווערן אויפ'ן פלאץ. און דאס מיינט א-ל. דער אויבערשטער האט די יכולת דאס צו טוען.

אבער **מִי קֵל כָּמוֹךָ** - ווער איז דען א קל אזוי ווי דו? מיינט אסאך מער פון דעם. עס מיינט, ווער איז דען אזוי ווי דו, וואס נוצט זיין כח ווייטער צו געבן פאר דעם זינדיגן אלע מעגליכקייטן, אז ער זאל קענען ווייטער לעבן אין די זעלבע צייט וואס ער טוט ווייטער עבירות רח"ל. אין די זעלבע רגע וואס ער הייבט אויף זיין האנט צו זינדיגן, גיבט אים הקב"ה דאס חיות אז ער זאל קענען ווייטער זינדיגן! דער באשעפער ציט נישט צוריק זיין גוטסקייט! דאס איז דער גרעסטער כח וואס מיר זעען אינ'ם באשעפער'ס פירונג מיט מענטשן. דער אויבערשטער איז סובל די חוצפה פונ'ם מענטש קעגן השי"ת מיט אזא געוואלדיגע סבלנות, אז ס'איז אפילו שווער פאר'ן מענטשליכן מח דאס צו באגרייפן.

## ענוה קעגן אנדערע

איך וועל אייך געבן א משל. לאמיר זאגן אז ס'איז דא א מענטש וואס באקומט פון דיר א געהאלט. יעדע וואך שיקסטו אים א טשעק אין די פאסט. און וואס טוט ער מיט'ן געלט? מיט דעם געלט וואס דו שיקסט אים, גייט ער ארויס אין געשעפט, און ער קויפט פאפירן מיט סטעמפס, און ער שיקט דיר בריוו וואו ער באליידיגט דיך. אדער נוצט ער דיין געלט אויף אן אנדערן וועג וואס טוט דיך וויי, אדער גאר שעדיגט דיך. מיט דעם אלעם, שיקסטו אים ווייטער זיין געהאלט יעדע וואך. דו ציסט נישט צוריק פון גארנישט אפילו אויף איין מינוט. דאס איז די מדה פון מִי קֵל כָּמוֹךָ, דער רצון צו ליידן פון מענטשן כביכול, און ווייטער צו שענקן גוטסקייט אן אויפהער.

דאס אן ענוה וואס האט נישט איר'ס גלייכן. דאס איז די סיבה, פארוואס די מלאכי השרת, ווען זיי קוקן אויף די באציאונגען צווישן דעם באשעפער און די מענטשהייט, רופן זיי אים **מלך נעלב** - דער קעניג וועלכער ערלויבט זיך צו ווערן פארשעמט. שטעלט אייך פאר אזא זאך. אז אין די זעלבע מינוט וואס איינער באליידיגט אייך, שענקט איר אים ווייטער די כוחות אייך ווייטער צו באליידיגן. ער שטרעקט אויס זיין האנט קעגן דיר, און דו מיט דיין גרויס ענוה, העלפסט אים נאך אונטערהאלטן זיין האנט, און דו העלפסט אים אז ער זאל דיך בעסער קענען באליידיגן.

וואס לערנען מיר דא? אז ווען מיר קוקן אויף השי"ת, און מיר זעען די מדה פון מי קל כמוך, עפנט עס פאר אונז א גאנצע נייע מסכת פון ארבעטן אויף זיך צו זיין בשלימות. וויבאלד דאס ווערט יעצט אונזער ציל. **קדושים תהיו** מיינט, אז איר מוזט זיך אויסארבעטן, אז נישט קיין חילוק וואס איינער וועט אייך טוען, וועט איר נישט צוריקציען קיין שום גוטסקייט פון יענעם.

# חלק ג': נאמאכן השי"ת

## מדות נאך די חתונה

יעצט, ס'איז טאקע גאר גרינג צו רעדן. אבער לאמיר זען ווי אזוי מ'קען עס אריינלייגן אין מציאות. למעשה איז דאך דאס די מצוה. צו נעמען די מדה פון השי"ת און עס מאכן אונזער מדה. מיר דארפן לערנען און חזר'ן די פערזענליכקייט פון השי"ת כביכול, ווי אזוי מ'האט עס אונז אהערגעשטעלט, און עס מאכן אונזער אייגענע פערזענליכקייט.

יעצט לאמיר זאגן פאר אייך יונגע מענטשן. איר וועט דאך אי"ה איין טאג חתונה האבן. איז א גוטע עצה, אז איידער איר גייט צו די חופה זאלט איר זיך גוט אויסלערנען די מדה, ווי אזוי דער תומר דבורה לייגט עס אראפ, און מאכט א פעסטער באשלוס, אז נישט קיין חילוק וואס, וועט איר קיינמאל נישט צוריקציען קיין שום טובה פון אייער מאן\פרוי. נישט קיין חילוק וואס וועט געשען, וועט איר ווייטער שענקן גוטסקייט, כדי נאכצוגיין אין די וועגן פונעם אויבערשטן.

## מדות נאך די חתונה

לאמיר זאגן - עס טאר קיינמאל נישט געשען - אבער לאמיר זאגן אז א מאן האט באליידיגט זיין פרוי. נו, וואס טוט די פרוי? זי רעאגירט נישט, און שטעלט אים נאך אהער גאר א גוטער נאכטמאל, און זי לייגט עס אראפ אויפ'ן טיש פונקט אזוי ווי יעדע נאכט. זי באשליסט, אז נישט קיין חילוק ווי שווער עס קומט אן, נישט קיין חילוק וויפיל כח עס פארלאנגט זיך, גייט זי נאכמאכן די מדה פון מי קל כמוך. זי וועט קיינמאל נישט טוען עפעס קעגן איר מאן, זי וועט קיינמאל נישט צוריקטוען דורך עפעס צוריקהאלטן פון איר מאן. טראצדעם וואס ער האט איר באליידיגט, וועט זי ווייטער טוען אלעס וואס פארלאנגט זיך! **קדושים תהיו** - דאס איז א הייליגע פרוי!

פונקט אזוי דער מאן. ער וועט קיינמאל נישט עפעס צוריקטוען דורך נישט וועלן ברענגען געלט אויסצוהאלטן די שטוב. זיין פרוי האט אים בא'עוול'ט? נישט קיין חילוק! דער מאן וואס גייט אין די וועגן פון הקב"ה, טוט ווייטער וואס ער דארף, נישט קיין חילוק וואס, אן קיין שום הפסק. טראצדעם אלעם וואס זי האט געזאגט אדער געטוען צו דיר, וועסטו ווייטער זיין א געטרייער מאן, און דו וועסט נישט פארמינערן אפילו מיט א האר, פון אלעס וואס א געוועגליכער מאן דארף טוען. אפילו זאגן "א גוטן אווענט!" ווען דו קומסט אהיים ביינאכט.

דאס איז ווי אזוי א פארצייטישע אידישע סארט לעבן נאך די חתונה דארף אויסזען. דאס איז דער רוח פון א עכטע אידישע היים, אין וועלכע מענטשן זענען ערנסט וואס זייערע פליכטן זענען אלס אידן, און צו לעבן לויט די סטאנדארטן פון נאכמאכן די מדה פון מִי קֵל כָּמוֹךָ.

## חתונה געהאט צו די וועלט

יעצט, איך כאפ אן מאן און ווייב, וויבאלד די באציאונגען צווישן זיי זענען מער אפט ווי סיי וועלכע אנדערע שייכות וואס מ'האט מיט אנדערע. דעריבער, סיי וואס מ'קען זיך ארויסלערנען פון ריכטיגע באציאונגען מיט אנדערע, קען מען פיל מער עררייכן אין דער כסדר'דיגער יחס צווישן א מאן מיט א פרוי. אבער אפילו אויב איר האט נישט חתונה געהאט, מיינט נישט אז מ'רעדט נישט וועגן אייך, וויבאלד איר האט דאך בעצם חתונה געהאט מיט די גאנצע וועלט! צו אייער לענדלארד און צו אייערע שכנים. איר האט חתונה געהאט צו אייערע עלטערן, פריינט, און אפילו אייערע קינדער... איר זענט חתונה געהאט צו אלע פון זיי, און איר וועט נישט באקומען א גט אזוי שנעל, וויבאלד איר ווילט נאך בלייבן אויף דער וועלט פאר נאך אביסל צייט...

אין א געוויסן זין זענט איר חתונה געהאט צו יעדן אין די וועלט. וואס דעריבער, נאכמאכן די מדה פון מי קל כמוך, פון האבן די שטארקייט פון נישט צוריקציען גוטס פון אנדערע נישט קיין חילוק וואס, איז אייך פונקט אזוי נוגע. צי ס'איז חברים אין ישיבה, אדער רבי'ס, סתם מענטשן וואס מ'טרעפט אין בית המדרש, אדער דארט וואו איר ארבעט. איר קענט אלעמאל קוקן אויפ'ן אויבערשטן און זיך אפלערנען א ביישפיל.

## נישט זיין קעגן קיינעם

לאמיר זאגן אז איר ווייסט אז איינער איז שטארק קעגן אייך. ער בארעדט אייך; ער זאגט פאר מענטשן אז אייער סחורה איז נישט גוט. וואס טוט איר? כדי צו ווייזן אז איר ווילט זיין הייליג אזוי ווי הקב"ה, גייט איר גאר איינקויפן אין זיין געשעפט.

איר וואלט געקענט ארגאניזירן אז אנדערע זאלן נישט דארט קויפן. לאמיר זאגן אז איר זענט א וויכטיגער מענטש, און אנדערע וועלן טוען וואס איר בעט. וואלט איר געקענט אים מאכן פארדינען ווייניגער געלט. מעגליך איר וואלט אפילו געקענט מאכן, אז ער זאל דארפן צומאכן זיין געשעפט, און מעגליך קומט אים דאס טאקע ערליך. איך זאג נישט אזוי. ווייל אויב מיינט איר אזוי, זענט איר לכאורה נישט גערעכט. אבער לאמיר שוין זאגן אויף א מינוט אז עס קומט אים טאקע. אבער נישט קיין חילוק וואס, ציט איר גארנישט צוריק פון אים. פארקערט גאר, איר מאכט זיכער ארייצוגיין צו אים אין געשעפט דארט איינצוקויפן נאר לשם די מדה פון **מי קל כמוך**.

אדער אפשר זענט איר א רבי אין ישיבה, און איר ווייסט אז עס איז דא א תלמיד וואס מאכט חוזק פון אייך. ער מאכט ליצנות פון אייך אונטער אייער רוקן, און איר ווייסט דאס קלאר. מיט דעם אלעם, ווען ער זאגט א סברא אין די גמרא - אפילו נישט אזא גוטע - מאכט איר זיכער אים צו קאמפלימענטירן נאכמער ווי געוועינליך, און אים מחזק צו זיין. און נישט נאר ווייל איר ווילט הייסן א גוטער רבי, נאר ווייל איר ווילט גיין אין די וועגן פון אויבערשטן.

דער מענטש ערפילט די מצוה פון **קדושים תהיו!** ער באקומט שלימות, קדושה, דורך פארשטארקערן די מדה, ווען ער קומט אין בארירונג מיט אנדערע מענטשן.

יעצט, איך זאג נישט, אז אויב איר טוט נישט די זאכן זענט איר פסול לעדות, און מ'קען אייך נישט מצרף זיין צו מנין. ניין! אבער מיר רעדן נישט דא פון טוען דאס ווייניגסטע. מיר רעדן דא פון אידן וואס ווילן לעבן לויט די הויכע סטאנדארטן, און געוואלדיגע מדות פון די תורה.

## טוה עס ריכטיג

קען זיין אז איר וועט זאגן, אז איר טוט ממילא אזוי, אז איר לעבט שוין אזוי אנדעם וואס דער תומר דבורה זאל אייך דארפן מוסר'ן. דאס איז פאנטאזיעס! איר נארט זיך. ווייל אָן עפעס א ביישפיל נאכצומאכן, קענט איר נישט אנקומען צו שלימות אין לעבן. אבער לאמיר שוין זאגן אז עס איז טאקע יא אמת, וואלט אויך געווען א טראגעדיע. ווייל אויב איר טוט דאס אן ארייינטראכטן וואס איר טוט, פארלירט איר דער געוואלדיגער ענין פון די מצוה פון קדושים תהיו, פון זוכן שלימות, וויבאלד השי"ת איז שלימות.

יעצט, בעצם זאג איך נישט אז עס טויג נישט אזוי צו לעבן נאר למען השלום. ס'איז נישט קיין שלעכטע עצה. ס'איז בעסער צו לעבן בשלום ווי איידער זיך שלאגן. דאס איז אבער נישט גענוג, וויבאלד דאס טוען

איטאליענער אויך אמאל. עס זענען דא איטאליענער וואס זענען גענוג קלוג צו פארשטיין אז עס לוינט זיך צו לעבן בשלום. ס'איז אבער א שאד אז אידן זאלן לעבן ווי איטאליענער... ס'איז א טראגעדיע צו לעבן ווי א גוי - אפילו ווי א גוטער גוי - ווען איר קענט דאך לעבן ווי א איד. דעריבער זאגט ארויס מיט'ן מויל, אז איר טוט עס פאר א סיבה: **לשם מצות קדושים תהיו!** דאס איז דער חילוק. מיר זענען דעם באשעפער'ס מענטשן און מיר גייען אין זיינע וועגן.

אײ ס'איז נישט נאטורליך? איז וואס? נאטורליכערהייט קען קיינער נישט מצליח זיין. כדי צו קענען מצליח זיין, דארף מען זיין אומנאטורליך. איר מוזט אלעמאל זיין פאראויס. איר קענט נישט נאכגיין אייער נאטור. ס'איז נישט נאטורליך נאכצומאכן דעם אויבערשטן. מיר גייען אבער נישט נאך אונזער נאטור. מיר גייען נאך אונזער שכל. מיר גייען נאך די הייליגע תורה.

ס'איז אבער אודאי נישט וויכטיג, אז איר זאלט זאגן פאר אייער מאן\פרוי אדער שכן, אז איר טוט עס נאר פאר די מצוה. זיכער נישט. ווייל אויב מיינט יענער אז איר טוט עס נאר צוליב דעם, אויב מיינט יענער אז איר טוט אזוי נאר ווייל איר מוזט צוליב די מצוה, און נישט ווייל איר האלט דערביי, האט עס נישט דעם ריכטיגן אפקלאנג. דעריבער אויב ווילט איר אויפטוען, זאלט איר עס מאכן אויסזען נאטורליך.

## פארדינען מצוות

לאמיר זאגן, אז אייער פרוי האט אייך עפעס געזאגט, זאגט איר צו זיך אליין, אדער אויב קיינער איז נישט דארט, קענט איר עס אפילו זאגן הויך: **הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן לְקַיֵּם מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל קְדוֹשִׁים תִּהְיוּ** - "איך גיי יעצט מקיים זיין די מצוה פון זיין הייליג ווייל דער באשעפער איז הייליג". דאן גייט איר צו צו אייער פרוי, און איר זאגט איר, "דו ווייסט, דו ביסט באמת גאר ספעציעל!" דאס איז עס. ברעך די אייז. זי וועט מיינען אז זי האט געטוען עפעס א ספעציעלע זאך. זי וועט מיינע אז צוליב דעם האסטו איר מוחל געווען. זי ווייסט נישט אז דו האסט אויסגעהערט היינט ביינאכט דעם שיעור.

אדער זאגט פאר אייער שכן - דער וועלכער האט אייך באליידיגט לעצטע וואך - "ס'איז א שיינער וועטער היינט!" ער וועט מיינען אז איר זענט גוט אויפגעלייגט, צוליב דעם שיינעם וועטער. ער ווייסט נישט, אז איר זענט געקומען ברעכן די אייז, נאר ווייל איר ווילט טוען א מצוה פון די תורה.

דא איז דער געוואלדיגער ווערד פון טראכטן פון די מצוה, אין צוזאמענהאנג מיט אלעס וואס איר טוט. אויב קענט איר זאגן, **הִנְנִי מוּכָן וּמְזֻמָּן** - "איך גיי יעצט מקיים זיין די מצוה פון **קדושים תהיו**, איר זאלט זיין הייליג, **כי קדוש אני ה'**, ווייל איך באשעפער בין הייליג", דעמאלט פארדינט איר א געוואלדיגע מצוה.

## ערייכן דעם ציל

אודאי, אלעס וואס מיר שמועסן דא, איז זיכער נישט לייכט. די וועגן פון הקב"ה זענען גאר גאר הויך, און עס איז בכלל נישט אין אונזער מעגליכקייט אנצוקומען אהין. ס'איז למעלה מהשגתינו. אבער קדושים תהיו מיינט, אז הקב"ה וויל אז מיר זאלן שטרעבן צו קריכן אויפ'ן לייטער וואס איז מגיע השמימה, און טראנספארמירן אונזערע מוחות און אייגנשאפטן, דורך קומען אביסל נענטער צו די שלימות פון הקב"ה. נישט נאר טוען מיר א גרויסע מצוה, נאר מיר ערוועקן דעם צלם אלקים, אין די טיפענישן פון אונזערע נשמות.

די טיפע וויסנשאפט פון אינערליכע שלימות אין יעדן איד, קומט ארויס דורך דאס שטרעבן נאכצומאכן דעם באשעפער. ווען איר וועט אנהייבן צו טוען וואס מיר רעדן דא היינט נאכט, וועט איר צוברענגען דערצו, אז אייערע אינערליכע מדות, וואס שפיגלען אפ די וועגן פון השי"ת, וועלן ארויפשווימען צום אויבערפלאך. דורך מאכן אייערע מעשים און אייער אויפפירונג זאלן זיין אין די וועגן פון דעם באשעפער, דאן **קדושים תהיו**, וועט איר מער און מער צוקומען צו שלימות, וויבאלד דאס וועט ארויפברענגען פון די טיפענישן פון אייער נשמה, די אלע גאלדענע אייגנשאפטן וואס איר האט טיף אינעווייניג.

**שאלות ותשובות** - מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**וואס זאל זיין די ראלע פון דער טאטע אינדערהיים?**

## תשובה:

דער פשוט'סטער תירוץ איז, אז דער טאטע זאל געבן אלעס וואס ער קען געבן. דאס מיינט, אז ווען ער קומט אהיים, נאך איידער ער טרעט אריבער די שוועל פון זיין הויז, ווען ער כאפט נאך אן די קלאמקע פון די טיר, זאל ער מאכן זיכער פטור צו ווערן פון סיי וועלכע אנגעצויגנקייט אדער אנגעזעצטקייט וואס האט זיך אים אנגעזאמלט במשך דעם טאג. ווייל יעצט הייבט זיך אן זיין עיקר קאריערע - די קאריערע פון זיין שטוב.

ווען ער קומט אריין, דארף ער זיך רעכטן אויף אלעס פון זיין פרוי. "א גאנצן טאג ביסטו געזעסן אין א שטילער אפיס, בשעת איך האב זיך אפגעמוטשעט מיט די קינדער!" ס'איז מעגליך, אז זי וועט עס פעסט אויסלאזן אויף אים. דעריבער, בשעת ער האלט נאך אן די קלאמקע, זאל ער זיך פארשטייפן און עס רואיגערהייט פארנעמען. ער דארף זיין גרייט אויף סיי וואס, און ער זאל זיך אפמאכן, יעבור עלי הכל, "נישט קיין חילוק וואס געשעט, וועל איך ערפילן מיין ראלע. איך וועל זיין א גוטער שפילער!" אזוי דארף ער זיך צוגרייטן איידער ער קומט אריין אין שטוב.

די איינציגסטע פראבלעם איז נאר, אויב ער איז אלעמאל אינדערהיים, וואס טוט ער אין אזא פאל? וואס טוט מען שבת? ס'איז טאקע שווער! צו שפילן נאר ביינאכט קען מען נאך, אבער א גאנצן טאג שבת, דאס איז שוין א גרויסע אונטערנעמונג. דעריבער ווען ער גייט אין שול, זאל ער זיין נאטורליך, און ווען ער קומט צוריק אהיים, זאל ער זיך ווידער אנגרייטן פאר די שפיל. און ער זאל נישט בלייבן צו לאנג אינדערהיים. ער זאל שנעל צוריקגיין אין שול אריין לערנען. וואס ווייניגער מ'איז אין שטוב, אלץ גרינגער איז צו זיין א גוטער שפילער.

אבער דאס איז בלויז דער אנהייב. ס'איז דא אסאך מער וואס א טאטע דארף טוען פאר זיין משפחה. ער דארף אריינברענגען א לייכטע אטמאספערע אין שטוב. א טאטע מוז מיטברענגען א לייכטע אטמאספערע אין הויז אריין. מאמעס געבן זיך אפ מיט קינדער א גאנצן טאג, און זיי זענען געווענליך אפגעמוטשעט. דעריבער ווערט יעדע קליינע פראבלעם אויפגעבלאזן אין אירע אויגן. דער קליינער חיימ'ל וויל נישט עסן, איז עס א גרויסע פראבלעם, וואס האט נישט זיין'ס גליכן אין די גאנצע וועלט. איבערדעם, זאל דער טאטע מאכן דערפון א ווערטל. אודאי דארף ער מאכן זיכער, עס צו טוען אין אזא וועג, אז די פרוי זאל נישט ווערן דער ציל פונעם ווערטל. עס דארף אבער זיין א ווערטל. "עה, ס'איז נישט אזוי ערנסט; חיימ'ל וועט ממילא אויסוואקסן א גרויסער ברייטער רבי!"